ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזּוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שְׁמוֹת

תשפ"ד

330

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען בַּיים אָנְהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן.......................... א

מַזָל טוֹב פַאר דִי שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן פוּן דַיין טָאכְטֶער.......................... ב

וָואס מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי'ן אִיז אַ הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ בָּזֶה וּבַבָּא.......................... ג

וִויפִיל שָׁעָה אַ טָאג לַיידְסְטוּ אִינְדֶערְהֵיים?.......................... ג

בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען אַזוֹי פָּשׁוּט, אָבֶער פוּל מִיט חֵן.......................... ד

אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיז גָארְנִישְׁט דָא.......................... ו

פְּרוּ'וֶען פַאסְטְן נִישְׁט.......................... ז

אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דִי סְמַארְטְפָאוֹן.......................... ז

זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה.......................... ח

טַעֲנוֹת אוֹיף דִי מוֹסָד.......................... ט

רֶעד נִישְׁט מִיט דַיין שְׁוֶועגֶערִין.......................... י

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא בַּיינַאכְט.......................... יא

בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל.......................... יא

נִישְׁט רֶעדְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיט מִשְׁפָּחָה.......................... יב

רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ.......................... יג

חֲנֻכַּת הַבַּיִת.......................... יד

– דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.......................... טו

פַארְוָואס גֵייט מַיין וַוייבּ אָנְגֶעטוּן אַזוֹי פְּרָאסְט?.......................... טו

הֲפָצָה אִיז תִּיקוּן הַבְּרִית.......................... טז

שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שְׁמִירָה.......................... טז

זָאג תְּהִלִּים מִיט אַ זִיסֶע נִיגוּן.......................... יז

אֶמוּנַת חֲכָמִים ........ יח
אַ זְכִיָה צוּ הָאבְּן אַ מַאן וָואס לֶערְנְט ........ יח
גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד ........ יט
אוּנְזֶער מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ........ כ
אִיךְ מוּז בַּאצָאלְן דִי אַייְנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע ........ כא
טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַייְנֶע קִינְדֶער ........ כב
נֶעגְל וַואסֶער נֶעמְט אַוֶועק דִי קְלִיפּוֹת ........ כג
אוּנְזֶער שֵׁייְנֶע שְׁטֶעטְל ........ כג
שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עָבֶד ........ כה
גֶעבְּן צְדָקָה אֵיידֶער מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער ........ כה
מֶען דַארְף זִיךְ בַּאגֵייעֶן ........ כו
תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת ........ כז
דִי וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט ........ כז
זַיין גְרֵייט פַארְן מַאן ........ כח
הַכְנָסַת כַּלָה ........ כט
קְרִיאַת שְׁמַע אוּן נֶעגְל וַואסֶער פַארְטְרַייבְּן דִי קְלִיפּוֹת ........ כט
הָאבּ מֶער רַחְמָנוּת אוֹיף דִי נָאכְגֶעלָאזְטֶע קִינְדֶער ........ ל
מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי וָואס טוּעֶן חֶסֶד ........ לא
זַיין אַ שׁוּתָּף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ לא
לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ לב
זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת ........ לד
שְׁרֵיי, טַאטֶע אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין ........ לה
דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי אִיז דַאוֶוענֶען ........ לה

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען בַּיים אָנְהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחִיֶ' מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי הוֹדָעָה.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי תַּלְמִידוֹת, יֶעדֶע מָאל מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁרַייבְּן - זָאל מֶען אָנְהוֹיבְּן מִיטְן דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, וְוִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל בס"ד אָדֶער ב"ה. מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דִי מְקוֹר קוּמְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים, אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יח:) דִי יְוָנִים הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶועְן מֶען זָאל נִישְׁט מַזְכִּיר זַיין שֵׁם שָׁמַיִם, "וּכְשֶׁגָּבְרָה מַלְכוּת חַשְׁמוֹנָאִי וְנִצְּחוּם", אוּן וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה, "הִתְקִינוּ שֶׁיְּהוּ מַזְכִּירִין שֵׁם שָׁמַיִם אֲפִילוּ בִּשְׁטָרוֹת", הָאבְּן זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען מֶען זָאל דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען נִישְׁט נָאר בַּיים רֶעדְן נָאר אוֹיךְ בַּיים שְׁרַייבְּן; מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער, יֶעדֶע מָאל מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁרַייבְּן, שְׁרַייבְּט מֶען: בס"ד - דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, ב"ה - דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, לה"ו - דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ, אדער בעזהי"ת, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער זָאגְט (סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה מַאֲמָר לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, אוֹת לב; מט) מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ הִלְכוֹת שַׁבָּת, הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, וְכַדוֹמֶה.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַריינלֵייגְן כֹּחוֹת אִין הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה, ווייל אַז מֶען ווֶעט לֶערְנֶען נָאר דִי כְּלָלִים, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיי הִלְכוֹת בִּשׁוּל - אַז מֶען ווֶעט לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן כְּלִי רִאשׁוֹן כְּלִי שֵׁנִי, עֵרוּי, לַח, יָבֵשׁ - אָן עֶס אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אוֹיף אַקְטוּעֶל - ווֶעלְן דִי מֵיידְלֶעךְ גָארְנִישְׁט ווִיסְן; דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג אִיז, נָאכְן עֶנְדִיגְן הִלְכוֹת בִּשׁוּל - דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען אוֹיף לְמַעֲשֶׂה; ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען שַׁבָּת אַ קַאוֶוע? מֶעג מֶען שַׁבָּת מַאכְן טֵיי? ווֶען לֵייגְט מֶען דִי לָאקְשְׁן שַׁבָּת - אִין דִי זוּפּ? אָדֶער אִין טֶעלֶער אֵיידֶער מֶען לֵייגְט דִי זוּפּ? מֶעג מֶען לֵייגְן זַאלְץ אִינֶעם טָאפּ נָאכְן אִיר אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן פֵייעֶר? אוּן ווָאס טוּט זִיךְ אִין טֶעלֶער? דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע ווֶעג צוּ לֶערְנֶען.

אַזוֹי אוֹיךְ ווֶען מֶען לֶערְנְט הִלְכוֹת יִחוּד שְׁטֶעלְט מֶען אִין אָנְהוֹיב אַוֶועק דִי כְּלָלִים, אָבֶּער מֶען מוּז עֶס עֶנְדִיגְן מִיט אַלֶע פְּרָטִים אוּן פְּרָטֵי פְּרָטִים, זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַזָל טוֹב פַאר דִי שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן פוּן דַיין טָאכְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

מַזָל טוֹב פַאר דִי שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן פוּן דַיין טָאכְטֶער, הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַן אֵיידֶעם אַ יְרֵא שָׁמַיִם וּבַעַל מִידוֹת טוֹבוֹת, עֶר אִיז אַ מְלַמֵּד בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אִין בְּנֵי בְּרַק, עֶר אִיז גָאר אַ טֵייעֶרֶער בָּחוּר; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִינֶעם שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ווָאס זֶענֶען דָבוּק צוּ צַדִיקִים אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**וָואס מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי'ן אִיז אַ הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ בָּזֶה וּבַבָּא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִי מְנַהֶלֶת אַז אִיר טוּט אַייעֶר אַרְבֶּעט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי מִיט גְרוֹיס אַחְרַיוּת; אִיר זֶענְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי אִין סְקוּל מִיט דִי בֶּעבִּי-סִיטִינְג, אִיר גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק בְּלֵב וָנֶפֶשׁ פַאר דִי קִינְדֶער מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

וָואס מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי'ן אִיז אַ הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וויפִיל שָׁעָה אַ טָאג לַיידְסְטוּ אִינְדֶערְהֵיים?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ גָּדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל אַז עֶר וִויל זִיךְ גֶטְ'ן, עֶר לַיידְט פוּן זַיין וַוייבּ, עֶר וִויל נִישְׁט מֶער לַיידְן; הָאט אִים דֶער גָּדוֹל גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל זָאלְסְט מִיר בְּרֶענְגֶען אַ פִּינְקְטְלִיכֶער בַּארִיכְט פוּן דַיין סֵדֶר הַיּוֹם, וויפִיל דוּ שְׁלָאפְסְט, וויפִיל דוּ אַרְבֶּעטְסְט, וויפִיל דוּ לֶערְנְסְט, ווִי לַאנְג עֶס נֶעמְט דִיר צוּ עֶסְן, אוּן אֲפִילוּ ווִי לַאנְג דוּ זִיצְט אִין בֵּית הַכִּסֵּא; שְׁרַייבּ מִיר אַרָאפּ אַלֶעס פִּינְקְטְלִיךְ". דֶער אִיד אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער בַּארִיכְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, פְרֶעגְט אִים דֶער גָּדוֹל: "וֶוען דוּ שְׁלָאפְסְט לַיידְסְטוּ פוּן דַיין וַוייבּ?" זָאגְט עֶר: "וֶוען אִיךְ שְׁלָאף - שְׁלָאף אִיךְ, אִיךְ לַייד נִישְׁט", זָאגְט דֶער גָּדוֹל: "הָאסְטוּ שׁוֹין אַכְט שָׁעָה פוּנֶעם טָאג וָואס דוּ לַיידְסְט נִישְׁט, נָאכְדֶעם וֶוען דוּ אַרְבֶּעטְסְט רוֹב טָאג לַיידְסְטוּ פוּן אִיר? אוֹיךְ נִישְׁט, דוּ בִּיסְט דָאךְ בַּיי

דִי אַרְבֶּעט, נָאכְדֶעם דִי אִיבֶּרִיגֶע צַייט וָואס דוּ דַאוֶוענְסְט און דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים - הָאסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט מִיט אִיר, און אַזוֹי וַוייטֶער; קוּמְט אוֹיס אַ שָׁעָה אַ הַאלְבּ אָדֶער וֵוייניגֶער הָאסְטוּ מִיט אִיר, אִיז דֶער צָרָה נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס, אִיז וָואס לוֹינְט דִיר זִיךְ צוּ גֶעטְ'ן? זַיין פַארְוָואגְלְט, נִישְׁט הָאבְּן קַיין בֶּעט, נִישְׁט הָאבְּן קַיין דִירָה און לַיידְן אַ גַאנְצְן טָאג צוּלִיבּ דִי בִּיסְל צַייט?" וְדִבְרֵי פִּי חָכָם חֵן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַן עֵצָה פוּן אַ צַדִיק פוּן בְּרֶסְלֶב אַז דוּרְךְ הֲפָצָה הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת. וַוייל יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז בַּאשֶׁערְט בִּזְיוֹנוֹת און חֲלִישׁוּת הַדַעַת; אָדֶער גֵייט מֶען הֲפָצָה און מֶען נֶעמְט דִי חֲלִישׁוּת הַדַעַת בַּיי דִי הַייזֶער, און מֶען כַאפְּט דִי בִּזְיוֹנוֹת אִין שׁוּל בַּיי הֲפָצָה - הָאט מֶען שׁוֹין בַּאקוּמֶען דָאס בַּאשֶׁערְטֶע; וֶועט דִי וַוייבּ אָפְּוָוארְטְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, און אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט דִי חֲלִישׁוּת הַדַעַת - קוּמְט מֶען אַהֵיים און דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אַלֶעס אָן.

זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים זֶענֶען אַזוֹי פָּשׁוּט, אָבֶּער פוּל מִיט חֵן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וויפִיל טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' וֶועכְנְטְלִיךְ מִיט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אַזוֹיפִיל זָאגְן אַז עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז זֵייעֶר וֶועג וַוייזֶער, זֵיי נֶעמֶען דַייעֶר שֵׂכֶל, זֵייעֶר וֶועג פוּן טְרַאכְטְן - פוּן דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דַארְפְּסְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דָאס אִיז דַיין חֵלֶק.

יֶעצְט וְויל אִיךְ צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן מִיט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער, אִיךְ וְויל דוּ זָאלְסְט דָאס לֵייגְן פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וְויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, קִינְדֶער אִיז וְויכְטִיגֶער פוּן אַלֶע פֵּרוּשִׁים, וַוייל אַז אַ קִינְד הֶערְט אֱמוּנָה - גֵייט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן גְרִינְגֶער.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

׳מַיין שִׂיךְ אִיז צֶערִיסְן, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם שׁוּסְטֶער עֶר זָאל מִיר פַארְרֶעכְטְן מַיינֶע שִׂיךְ... אִינְטֶערֶעסַאנְט, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי צוּם שׁוּסְטֶער זֶע אִיךְ אַז זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ, עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, צוּ וֶועם רֶעדְט עֶר? עֶר רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס?! נַא, עֶר אִיז דָאךְ אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ; וֵוייסְט וָואס, יֶעצְט וֶוען אִיךְ גֵיי פַארְרֶעכְטְן מַיינֶע שִׂיךְ וֶועל אִיךְ אִים פְרֶעגְן פַארְוָואס זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ׳.

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ׳חִשַּׁבְתִּי דְרָכַי, וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ׳, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר מַיינֶע פִיס זָאלְן נָאר טוּן מִצְוֹת, הֶעלְף אַז דֶער וָואס וֶועט גֵיין מִיט דִי שִׂיךְ זָאל נָאר גֵיין צוּ גוּטֶע פְּלֶעצֶער״.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי שׁוֹין, דֶער שׁוּסְטֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים זֶעעֶן אוֹיס אַזוֹי פָּשׁוּט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶפֶּעס אַ זִיסֶע חֵן, זֵיי לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער שׁוּסְטֶער אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוֹן אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן נֶעבְּן אִים אוּן הַאלְטְן אַלֶעס מִיט, לָאמִיר שְׁטֵיין שְׁטִיל דָא אִין דֶער זַייט אוּן הֶערְן זַיינֶע זִיסֶע תְּפִילוֹת...

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וְויל גֵיין אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל דַאוְונֶען מִיט מִנְיָן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא מִיט הֲלָכָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער...״ אוֹי וֵויי וָואס גֵייט פָאר... ״אָמְמְמְ אִיךְ הָאבּ אַ פְרַאגֶע, וֶוען אִיךְ פַארְרֶעכְט שִׂיךְ וְויל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בֶּענְקְט מִיר מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז אִיךְ כַאפּ אָן דִי שִׂיךְ וֶוער אִיךְ דָאךְ טָמֵא; מֶעג אִיךְ רֶעדְן אַזוֹי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער אִיךְ דַארְף זִיךְ קוֹדֶם וַואשְׁן דִי הֶענְט?״

דֶער אִיד שְׁטֵייט גֶעפְרוּירְן... 'וָואס זָאל אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן? ווי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַ פָּשׁוּט'עֶר שׁוּסְטֶער, אַזוֹי פְּרָאסְט, און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע זָארְג, נָאר אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים פַארְעֶכְטְן דִי שִׁיךְ...'

קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַזַא בֶּענְקְשַׁאפְט און גְלִיסְטֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן, אִינְמִיטְן זֵייעֶר אַרְבֶּעט - בֶּענְקֶען זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און רֶעדְן צוּ אִים אָן אוֹיפְהֶער.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "טַאטֶע אִיךְ בֶּענְק צוּ דִיר, טַאטֶע אִיךְ וויל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיז גָארְנִישְׁט דָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי הָאסְטוּ גוּט גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט שְׁטִיל גֶעמַאכְט דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּל בַּיים שִׁיעוּר, און אִיךְ וויל דִיךְ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיבּ דוּ זֶעסְט בַּיי דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר וָואס מֶען הַאלְט מִיט בַּיי עֶנְק דוּרְךְ אַ לֵייוְו הוּק-אָפּ, אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דִי וָואס שְׁמוּעֶסְן אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין שְׁמוּעֶסְן אִינְדְרוֹיסְן. אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיים שִׁיעוּר וויל אִיךְ נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר, וַוייל "דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"; אָדֶער זִיצְט מֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז נִישְׁט - זַיי מְבַטֵּל דֶעם לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר בַּיי עֶנְק, און וֶוער עֶס וויל מִיטְהַאלְטְן - זָאל פְּרִיוַואט אִין שְׁטוּבּ מִיטְהַאלְטְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער אַז וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט, אָדֶער אַ מַאמֶע רֶעדְט - דַארְף מֶען זַיין שְׁטִיל. שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה וֶוען

דוּ הוֹיבְּסְט אָן רֶעדְן - זָאלְסְטוּ דֶערְמַאנֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער: "וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט - טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן", "וֶוען אַ מַאמֶע רֶעדְט - טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן".

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין קְלַאס, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי דִי מֵיידְלֶעךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סד): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גוּטֶע מִידוֹת פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פְּרוֹיעֶן פַאסְטְן נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז פְּרוֹיעֶן פַאסְטְן נִישְׁט עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, אוֹיךְ נִישְׁט אַנְדֶערֶע תַּעֲנִיתִים. פְּרוֹיעֶן פַאסְטְן נָאר יוֹם כִּיפּוּר, אוֹיךְ פַאסְטְן דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן דִי וַוייבְּלֶעךְ וָואס וַוארְטְן נִישְׁט אוּן זֵייגְן נִישְׁט - ט' בְּאָב, אָבֶּער הַיינְט עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת פַאסְטְן נִישְׁט דִי פְּרוֹיעֶן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דִי סְמַארְטְפָאוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ דֶערְצֵיילְט אַז אִיר לֶעבְּן אִיז אִיר גֶעוָוארְן אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן זַייט דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דַיין סְמַארְט טֶעלֶעפָאן; זִי זָאגְט זִי הָאט שַׁיין גֶעלֶעבְּט מִיט דִיר בִּיז אַהֶער אוֹיךְ, אָבֶּער יֶעצְט אִיז אִיר מַמָשׁ גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט זִי פוּן דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם; וִוי דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף יֶעדֶע נַאכְט זַאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת אוּן וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט, זִי רֶעדְט פוּן דִיר זֵייעֶר שֵׁיין. עֶס דֶערְמַאנְט מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין צִימֶער בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ מִיט נָאךְ אֵיינֶעם, יֶענֶער הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז זַיין וַוייבּ זָאגְט פַאר אַלֶעמֶען אַז אִיר מַאן אִיז גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (מֶדְרָשׁ מִשְׁלֵי ה, יח) 'אַשְׁרֵי אָדָם שֶׁאִשְׁתּוֹ מְעִידָתוֹ', ווארִיל אִיז דֶעם וָואס דִי וַוייבּ זָאגְט עֵדוּת, 'מַיין מַאן אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'"; דִי וַוייבּ זֶעט דָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע צַייטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, לֵייג צוּ נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ אִין דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, לֵייג צוּ יֶעדְן טָאג טַאנְצְן, קֶענְסְט דָאס מַאכְן פְּרִיוַואט בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; צִינְד אָן הוֹיךְ מוּזִיק אוּן טַאנְץ: 'שְׁכֹּחַ בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד'.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, אוֹיבּ אִיר קֶענְט זִיךְ נָאךְ יֶעצְט אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלְטֶע בּוּשׁוֹת; מֶען הָאט אַייךְ פַארְשֶׁעמְט אִין אַייעֶר אַלְטֶע סְקוּל, אוּן דֶעמָאלְט הָאט אִיר נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן וֶוען מֶען הָאט אַ בּוּשָׁה; ווִילְט אִיר ווִיסְן אוֹיבּ יֶעצְט וֶוען אִיר דֶערְמַאנְט זִיךְ ווִי מֶען הָאט אַייךְ אוֹיסְגֶעצַאפְּט דָאס בְּלוּט - צִי אִיר קֶענְט זִיךְ יֶעצְט אוֹיסְבֶּעטְן?

אַוַדַאי קֶענְט אִיר זִיךְ נָאךְ יֶעצְט אוֹיסְבֶּעטְן; יֶעדֶעס מָאל אִיר דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן אַן אַלְטֶע בּוּשָׁה – זָאלְט אִיר זָאגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, יח): "'רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זֶע מַיין אָרֶעמְקֵייט אוּן מַיין פְּלָאג, אוּן פַאְרגֶעבּ מִיר אַלֶע מַיינֶע זִינְד"; אוּן בֶּעטְס זִיךְ אוֹיס אַ יְשׁוּעָה, בֶּעטְס אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה וָואס מֶען קֶען בַּאקוּמֶען.

זַייט פְרֵיילִיךְ, זִינְגְט אוּן טַאנְצְט, אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אַלְץ מֶער שְׁפִּירְט מֶען טַעַם גַּן עֵדֶן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## טַעֲנוֹת אוֹיף דִי מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער צוּרִיק אַז דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי מוֹסָד אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין בְּטוֹעֶן וְנִטְעָן מִיט דִיר אוֹיבּ דִי מוֹסָד אִיז יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט גוּט, נָאר אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אוֹיבּ בִּיסְט נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דִי מוֹסָד – זָאלְסְטוּ וָואס שְׁנֶעלֶער טוֹישְׁן מוֹסְדוֹת, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר דִיר אוּן נִישְׁט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ מֵיין דָאס מִיטְן גַאנְצְן אֱמֶת, לֵייג דַיינֶע קִינְדֶער אִין אַ מוֹסָד וָואס דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן, וַוייל קִינְדֶער שְׁפִּירְן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן אוּן עֶס צֶעמִישְׁט זֵיי.

אַ שָׁאד צוּ וֶוערְן אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיף הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועגְן דִי מוֹסָד, מֶען קֶען זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אָן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אוּנְזֶער חֵדֶר.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**רֶעד נִישְׁט מִיט דַיין שְׁוֶועגֶערִין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ זָאגְט אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר הֵיימִישׁ מִיט אִיר שְׁוֶועסְטֶער, דוּ רֶעדְסְט מִיט אִיר שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת. זַיי נִישְׁט נַארִישׁ, טוּ נִישְׁט אַזֶעלְכֶע זַאכְן, רֶעד נִישְׁט מִיט דַיין שְׁוֶועגֶערִין, הָאסְט אַ וַוייבּ - רֶעד מִיט אִיר. עֶס אִיז עֶקֶלְדִיג אוּן גְרוֹילִיג צוּ רֶעדְן מִיט פְרֶעמְדֶע; הָאסְט אַ וַוייבּ, רֶעד מִיט אִיר; זִי ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, הֵיילִיג אוּן רֵיין; דוּ טְרַאכְטְסְט פוּן אִיר, זִי טְרַאכְט פוּן דִיר אוּן בֵּיידֶע טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן אוֹיף שַׁבָּתִים, יָמִים טוֹבִים וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ עֶס וֶוערְט אַ מַצָּב פוּן חֲמוֹר-אֵייזְל פוּטֶער-אֵייזְל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - בְּלַייבְּט מֶען אִין שְׁטוּבּ אָפְּגֶעהִיטְן.

זָאג נִישְׁט 'מֶען קֶען מֵיינֶען, וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם? מֶען שְׁמוּעֶסְט נָאר, מֶען טוּט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען לַאכְט נָאר, מֶען שְׁמֵייכְלְט נָאר'; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ו, כז): "הֲיַחְתֶּה אִישׁ אֵשׁ בְּחֵיקוֹ וּבְגָדָיו לֹא תִשָּׂרַפְנָה", קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְטְן פֵייעֶר אוֹיפְן שׁוֹיס אוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער וֶועלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן? "אִם יְהַלֵּךְ אִישׁ עַל הַגֶּחָלִים וְרַגְלָיו לֹא תִכָּוֶינָה", קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפַּאצִירְן אוֹיף בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילְן אוּן זַיינֶע פִיס זָאלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן? "כֵּן הַבָּא אֶל אֵשֶׁת רֵעֵהוּ, לֹא יִנָּקֶה כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהּ", דָאס זֶעלְבֶּע סוֹף וֶועט זַיין מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט 'אִיךְ שְׁמוּעֶס נָאר, אִיךְ פַארְבְּרֶענְג נָאר'; רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אִין אַ סַכָּנָה, אִיךְ רֶעד מִיט פְרֶעמְדֶע, אִיךְ טְרַאכְט פוּן פְרֶעמְדֶע, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אִיךְ זָאל שׁוֹין אָפְּלָאזְן פְרֶעמְדֶע".

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## אִיךְ הָאבּ מוֹרָא בַּיינַאכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה נִישְׁט מוֹרָא צוּ הָאבְּן בַּיינַאכְט - אִיז חַזֶר'ן אֱמוּנָה; זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל, עֶר הִיט מִיךְ, עֶר אִיז מִיט מִיר, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן"; חַזֶר'ן אֱמוּנָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה דִי שְׁרֶעק זָאל אַוֶועק גֵיין.

וֶוען אִיר גְרֵייט זִיךְ צוּ גֵיין שְׁלָאפְן - זָאלְט אִיר קִישְׁן דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן בַּיי דִי מְזוּזָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ, אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי שְׁרֶעק".

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען מֶען פְרֶעגְט פְּרַאגֶעס אִין צְנִיעוּת - אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן; מֶען קֶען נָאר מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דִי פָּאר וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן, וְוי אַזוֹי צוּצוּדֶעקְן מַיין קָאפּ, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין שֵׁיין אוּן אֵיידְל, אִיךְ

**זָאל נִישְׁט וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן ווִי דִי גוֹיִם, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל".**

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

**...**

**נִישְׁט רֶעדְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיט מִשְׁפָּחָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ', צְפַת**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וָואס דַארְפְט אִיר רֶעדְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה? וָואס דַארְפְט אִיר זִיךְ אַלֵיינְס מַאכְן אַ חוֹזֶק?! אִיז דֶען נִישְׁטָא גֶענוּג זַאכְן פוּן וָואס צוּ רֶעדְן מִיט אַ מַאמֶע אוּן שְׁוֶועסְטֶערְס? יֶעדֶע שְׁמוּעֶס מוּזְט אִיר רֶעדְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן וַוארְטְן מֶען זָאל לַאכְן פוּן אַייךְ?!**

**מִיט אַ מַאמֶע אוּן שְׁוֶועסְטֶערְס רֶעדְט מֶען הוֹידְל בּוֹידְל, מִיט אַ מַאמֶע אוּן שְׁוֶועסְטֶערְס רֶעדְט מֶען פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַז זֵיי בֶּעטְן חִיזוּק זָאגְט מֶען חִיזוּק וָואס וֶועט זֵיי נִישְׁט קְרַאצְן אִין זֵייעֶר אוֹיעֶר, מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, מֶען זָאגְט עֶס אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ. אוֹיבּ דִי וָוארְט 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער' אוּן דִי וָוארְט 'אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה' קְרַאצְט זֵיי אִין אוֹיעֶר - זָאגְט מֶען 'אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית', 'אַ מַעֲשֶׂה פוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; וָואס פֶּעלְט אוֹיס זִיךְ מַאכְן צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט בַּיי דִי מִשְׁפָּחָה?!**

**אַז מֶען הָאט אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעטְרִינְקֶען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין פוּן טָאקַיי, דִי רוֹיטֶע טָאקַייעֶר וַויין - דֶעמָאלְט קֶען מֶען שְׁמוּעֶסְן אָפְן, אָבֶּער כָּל זְמַן דִי מִשְׁפָּחָה לַאכְט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - אִיז נַארִישׁ צוּ רֶעדְן, מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, מֶען וֶוערְט אַ גֶעשְׁפֶּעט.**

**אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּאבֶּע אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת, רָחֵל לֵאָה טֵייטְלְבּוֹים עָלֶיהָ**

הַשָּׁלוֹם, וָואס אִיז גְעוֶוען אִין אוֹישְׁוִויץ בַּיי דִי דֵייטְשְׁע רוֹצְחִים און הָאט אִיבֶּערְגְעלֶעבְּט דִי קְרִיג מִיט נִיסֵי נִיסִים. אִיר מַעֲלָה אִיז גְעוֶוען, אוֹיסֶער אִיר עֶרְלִיכְקֵייט אִיז זִי גְעוֶוען גָאר אַ קְלוּגֶע; זֶעלְטְן צוּ גֶעפִינֶען אַ פְרוֹי מִיט אַזוֹיפִיל חָכְמַת נָשִׁים. זִי פְּלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן אַז נָאכְן קְרִיג הָאט זִי גֶערֶעדְט טָאג און נַאכְט פוּן אֱמוּנָה, נָאר דָאס הָאט אִיר גֶעקֶענְט הַאלְטְן בַּיים זִינֶען; שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אַ יוּנְג וַוייבְּל וָואס הָאט קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיר לֶעבְּן, הָאט פַארְלוֹירְן אִירֶע קִינְדֶער מִיט אִיר מַאן און גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין; נָאר אֱמוּנָה, דָאס הָאט אִיר גֶעהַאלְטְן. אֵיין טָאג הֶערְט זִי ווִי אִירֶע חַבֵר'טֶעס רֶעדְן שְׁטִילֶערְהֵייט און זָאגְן: "רָחֵל לֵאָה אִיז נֶעבֶּעךְ בַּארִירְט גֶעוָוארְן, זִי רֶעדְט טָאג און נַאכְט פוּן מָשִׁיחַ און פוּן בַּאשֶׁעפֶער". מַיין בַּאבֶּע הָאט דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעמָאלְט פַארְמַאכְט מַיין מוֹיל און גֶערֶעדְט מִיט אַלֶעמֶען הוֹידְל בּוֹידְל, אוֹיבּ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה מֵיינְט בַּארִירְט גֶעוָוארְן - רֶעד אִיךְ נִישְׁט"; מִיט אוּנְז הָאט זִי גֶערֶעדְט טָאג און נַאכְט פוּן אֱמוּנָה, אָבֶּער זִי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג צוּ קֶענֶען דֶערְשְׁמֶעקְן וָואס צוּ רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּצַוֶּה, דַּף קפו:): "זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְּשָׁמְעִין", ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן אוֹיס.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בּוֹי אוֹיף דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, טוּ אִיר נִישְׁט וֵויי. עֶס קֶען אוֹיסְזֶען אַז אַרַיינְזָאגְן און פָארְהַאלְטְן הֶעלְפְט; אֶפְשָׁר הֶעלְפְט עֶס אוֹיף דִי מִינוּט, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, עֶס קֶען זִיךְ אָנְזַאמְלֶען וֵוייטָאג און שְׁפֶּעטֶער פְּלַאצְט עֶס אוֹיס.

רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּב, און אַז דַיין וַוייב טוּט דִיר וֵויי, זִי רֶעדְט צוּ דִיר שְׁטֶעכֶעדִיג - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם צוּרִיק שְׁטֶעכְן, זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר, זָאלְסְט אִיר זָאגְן שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער. רֶעד צוּ אִיר אַזוֹי וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט צוּ דִי וַוייב, אַזוֹי וִוי אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד רֶעדְט.

אַז דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן, דוּ ווִילְסְט מִיר וַוייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב - זָאלְסְטוּ אַהֵיימְגֵיין הֶעלְפְּן מִיט דִי קִינְדֶער, און רֶעד שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, און וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ גֵייסְט פְּלַאצְן, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דַיינֶע אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר נָאךְ אַבִּיסְל כֹּחַ".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חֲנֻכַּת הַבַּיִת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַז דוּ גֵייסְט זִיךְ יֶעצְט אַרַיינְצִיעֶן אִין דִי דִירָה וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ יֶעצְט גֶעקוֹיפְט זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בַּיִת, סִימָן יג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִכָּנֵס לְבַיִת לָדוּר בְּתוֹכוֹ", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ נַייעֶ דִירָה, "יֹאמַר הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ", זָאל עֶר דוּרְכְזָאגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, "וְאַחַר כָּךְ יִכָּנֵס לָדוּר בְּתוֹכוֹ", און נָאכְדֶעם זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן; אָדֶער קֶענְסְטוּ עֶס אַלֵיינְס טוּן, עֶס נֶעמְט בְּעֶרֶךְ אַכְט צִי צֶען שָׁעָה, אָדֶער קֶענְסְטוּ רוּפְן אַ מִנְיָן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ און יֶעדֶער נֶעמְט אַ הַאלְבֶּע סֵפֶר און בִּיז אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אַ דְרֵיי פֶערְטְל שָׁעָה - עֶנְדִיגְט מֶען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין שְׁטוּב, אוֹיסֶער וָואס דוּ לֶערְנְסְט אִין כּוֹלֵל רוֹב טָאג - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין יח:): "כָּל בַּיִת שֶׁנִּשְׁמָעִין בּוֹ דִּבְרֵי תוֹרָה בַּלַּיְלָה", יֶעדֶע שְׁטוּב וָואס מֶען הֶערְט דָארְט לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּייַנאכְט, "שׁוּב אֵינוֹ נֶחֱרָב", וֶוערְט נִישְׁט חָרוּב.

פוּן דַיין טַאטֶע וָואס בֶּעט שְׁטֶענְדִיג פַאר דִיר.

...

### - דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז הֶעלְפְן דִי מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרְשַׁת וַיְחִי, י״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן מַאכְן דִי מְסִבָּה פָארִיגֶע וָואךְ צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן צָאלְן דִי מְלַמְדִים אִין צַייט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי דִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אַלֶע וַוארֶעם, אַלֶע ווילְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין אוּן קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין וַוייבּ, דִי עֶסְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט, אוּן אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן אַוֶועק גֶעבְּן דִי שְׁטוּבּ וְכוּ׳.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען עֶס אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע עִנְיָן צוּ הֶעלְפְן יְחִידִים וִוי הֶעלְפְן מוֹסְדוֹת, עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט; וֶוען מֶען הֶעלְפְט אַ יָחִיד - הֶעלְפְט מֶען נָאר יֶענֶעם, אָבֶּער וֶוען מֶען הֶעלְפְט אַ מוֹסָד - הֶעלְפְט מֶען דִי גַאנְצֶע קְהִילָה; דִי מִצְוָה אִיז גָאר גְרוֹיס.

...

### פַארְוָואס גֵייט מַיין וַוייבּ אָנְגֶעטוּן אַזוֹי פְּרָאסְט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרְשַׁת וַיְחִי, י״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין נָאכְאַמָאל אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט, בְּנוֹגֵעַ דַיין וַוייבּ וְכוּ׳; הָאסְט אַ וואוֹילֶע וַוייבּ, זִי אִיז זֵייעֶר וואוֹיל אוּן טַייעֶר; דָאס וָואס זִי טוּט זִיךְ אָן אַזוֹי פְּרָאסְט - דָאס קוּמְט פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט. זִי אִיז אַ טַייעֶרֶע נְשָׁמָה, זִי אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, דָאס מַאכְט עֶס זָאל אִיר צִיעֶן זִיךְ אָנְטוּן קוּרְץ אוּן נִישְׁט שֵׁיין; זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן, זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער (נִישְׁט אוֹיף דִי קוּרְצֶע

קְלֵיידֶער, מֶען גֶעבְּט קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף אַ פְּרָאבְּלֶעם), וִוי גוּט זִי אִיז אוּן וִוי וואוֹיל זִי אִיז, אוּן וֶוען זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אִיר זָאגְן וִוי שְׁטַארְק דוּ הָאסְט לִיבּ דִי שֵׁיינֶע וֶועג אוּן מִיט סַבְלָנוּת וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי קִינְדֶערִישֶׁע קַטְנוּת הַדַעַת.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין פֶעלְד פַאר אַפָּאר מִינוּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

## הֲפָצָה אִיז תִּיקוּן הַבְּרִית

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, טֶעג וָואס זֶענֶען מְסוּגָל לְתַקֵּן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - זָאלְסְטוּ גֵיין וָואס מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס רֶעדְט צוּם הַיינְטִיגְן דוֹר אוּן אִיז יֶעדְן מְחַזֵּק.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", וִוי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען פְּגַם הַבְּרִית? "שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", אַז מֶען אִיז עוֹסֵק צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּרְךְ הֲפָצָה וֶועט קוּמֶען דַיין שִׁידוּךְ.

...

## שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שְׁמִירָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ...**

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט וָואס דוּ טוּסְט, צוּ קוּקְן וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיס לִצְרָכָיו

אוֹיבּ אִיז דָא טִפּוֹת עָבִים, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ בַּעַל קֶרִי. דִי גַאנְצֶע זַאךְ שְׁמֶעקְט פוּן נֶערְוֶועז, אוּן פוּן דֶעם אַלֵיינְס, פוּן אַרוּמְגֵיין מִיט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט - פַּאלְט מֶען אַרָאפּ.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן קְלָאר (נִדָּה יג.): "וּבַאֲנָשִׁים תִּקָּצֵץ"; וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל בּוֹדֵק זַיין, פוּן דֶעם אַלֵיינְס קֶען מֶען וֶוערְן אַ בַּעַל קֶרִי.

גֵיי יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה אוּן זָאג יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחֲרִית דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוּן אַז דוּ הָאסְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסַאךְ גְמָרָא; גְמָרָא רֵיינִיגְט דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, אוֹיךְ זָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן יֶעדֶעס מָאל וְכוּ', וַוייל דָאס אִיז נֶערְוֶועז.

שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שְׁמִירָה נִישְׁט צוּ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה'", וֶוען מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ", וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן.

...

## זָאג תְּהִלִּים מִיט אַ זִיסֶע נִיגוּן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער זוּן הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, וִויל אִיךְ דִיךְ שְׁטַארְקְן זָאלְסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים". מַיין טֵייעֶרֶער זוּן, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אוּנְטֶער אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אָבֶּער עֶס גֶעבְּט לֶעבְּן, עֶס בְּרֶענְגְט נִיסִים, עֶס בְּרֶענְגְט דְבֵיקוּת בְּשֵׁם, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי שְׁטַארְק צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, זִינְג דִי פְּסוּקִים מִיט אַ נִיגוּן. אִיךְ פְּלֶעג הֶערְן אוּנְזֶער זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן תְּהִלִּים מִיט אַ נִיגוּן, מִיט אַזַא דְבֵיקוּת, מִיט אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹי אִיז דָאס גֶעוֶוען זִיס צוּ הֶערְן... אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי דַיינֶע תְּפִילוֹת, אוֹיךְ בֶּעט פַאר מַאמִי.

...

## אֱמוּנַת חֲכָמִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען אִינְגֶעלַייט רֶעדְן זִיךְ אוֹיס צוּ דִיר פוּן וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן - זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַזֵק זַיין מִיט צְוֵויי זַאכְן, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת.

שֵׁנִית, זַיי מְחַזֵק דִי וָואס קוּמֶען צוּ דִיר מִיט זֵייעֶרֶע שְׁוֶועריקַייטְן - זֵיי זָאלְן זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין מִיט אַ צַדִיק; בִּפְרַט וֶוען מֶען אִיז אַרֵיינְגֶעדְרֵייט אִין חוֹבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה דָאס לֶעבְּן, אוּן מִיטְן זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה, פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן וְכוּ׳ - קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זַיי מְחַזֵק אַלֶע אִינְגֶעלַייט מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, תְּפִלָּה אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

...

## אַ זְכִיָּה צוּ הָאבְּן אַ מַאן וָואס לֶערְנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג, טַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה אוֹיף דִי זְכִיָ׳ צוּ הָאבְּן אַ מַאן וָואס נוּצְט אוֹיס יֶעדֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּט פַאר תּוֹרָה.

ווִיפִיל פְרוֹיעֶן ווֵיינֶען שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵייעֶר מַאן זָאל

לֶערְנֶען, הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה. וִויפִיל פְּרוּיעֶן הָאבְּן גֶעהַאט אַ חָלוֹם אַלְס מֵיידְל צוּ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ גֶעבּוֹיט אוֹיף תּוֹרָה, אוּן בִּיזְדֶערְוַוייל וַוארְטְן זֵיי אוּן בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אוּן בַּיי אַייךְ, אַז אַייעֶר מַאן אַרְבֶּעט, עֶר בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, אוּן יֶעדֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּט גֵייט פַאר תּוֹרָה – דַארְפְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן", מִיט וָואס קֶענֶען זִיךְ פְרוֹיעֶן דֶערְהַאלְטְן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל.): "בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע, וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", תּוֹרָה אִיז דִי עֵצָה פַארְן יֵצֶר הָרָע, אוּן פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, אִיז וָואס אִיז דִי עֵצָה פַאר זֵיי זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "בְּאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן, וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן", בִּזְכוּת דֶער מַאן וָואס לֶערְנְט אוּן זֵיי הֶעלְפְן דֶעם מַאן לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה – דָאס הֶעלְפְט זֵיי קֶענֶען בַּייקוּמֶען דִי נִסְיוֹנוֹת.

...

## גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגּוּם יֶעדְן טָאג, דִי וָואךְ עֶנְדִיגְט מֶען סֵפֶר בְּרֵאשִׁית, מֶען שְׁרֵייט אוֹיס אַלֶע אִינְאֵיינֶעם: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!" אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ – וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ מוּצְלָח'דִיגֶע וָואךְ; מוֹהֲרַאֲ"שׁ זָאגְט פוּן צַדִּיקִים: "לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י – בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה".

שְׁטַארְק זִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי טוּמְאָה, דוּ לִיגְסְט אִין עֶרְוַת הָאָרֶץ, דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַארְלָאשְׁן, אַזוֹי וִוי אַ טוֹיטֶער – זָאלְסְטוּ זִיךְ נָאכְאַלְץ שְׁטַארְקְן. דִי פַּרְשָׁה עֶנְדִיגְט זִיךְ (בְּרֵאשִׁית נ, כו): "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים, וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ, וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם", אוּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער שְׁרֵייט מֶען "חֲזַק חֲזַק!" זָאגְט מוֹהֲרַאֲ"שׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ

שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ עֶר אִיז טוֹיט, עֶר אִיז בַּאגְרָאבְּן אִין טוּמְאָה, עֶר לִיגְט אִין מִצְרַיִם, אִין עֶרְוַת הָאָרֶץ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ז) אַז דִי מִצְרִיִּים זֶענֶען דִי עֶרְגְסְטֶע אִין שְׁמוּץ; אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן - שְׁרֵייט מֶען אִים: "חֲזַק חֲזַק!" שְׁטַארְק זִיךְ, דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, דוּ קֶענְסְט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָׁה.

אַז דוּ קֶענְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי דַיין מִנְיָן שַׁחֲרִית אוּן מִנְחָה - פַאר דִי מוֹסָד - וֶועסְטוּ מִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַפָּאר פְּרוּטוֹת, אָבֶער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): "פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן גָדוֹל", מַאךְ זִיךְ דִי חֶשְׁבּוֹן, אַז מֶען גֵייט אַרוּם אִין דִי מִנְיָן וואוּ מֶען דַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוּן מִנְחָה - מַאכְט מֶען דוּרְכְשְׁנִיטְלִיךְ הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ וָואךְ, אוּן אַז מֶען טוּט דָאס וָואךְ נָאךְ וָואךְ - בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין פַאר דִי מוֹסָד אַ יָאר פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער; יָא יָא, דִי קְלֵיינֶע בֵּייטְל וָואס רוּב לֵייגְן אַרַיין פְּרוּטוֹת - בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ יָאר פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער.

יֶעצְט, וָואלְטְן צֶען אִינְגֶעלַייט דָאס גֶעטוּן מִיט עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה, זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט פוּן קֵיינֶעם אוּן גֶעגַאנְגֶען בַּיי דִי מִנְיָנִים שַׁחֲרִית אוּן מִנְחָה קְלֵייבְּן צְדָקָה - בְּרֶענְגְט דָאס פַאר דִי מוֹסָד פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ יָאר, אוּן אַז עֶס וֶועלְן זַיין צְוָואנְצִיג אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייט זֵיי אִין לֶעבְּן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹסְדוֹת - בְּרֶענְגְט דָאס אַ יָאר הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן מַאךְ דִיר דִי חֶשְׁבּוֹן וַוייטֶער, וֶועסְטוּ זֶען וָואס דַיין פּוּשְׁקֶע קֶען מִיר הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוּנְזֶער מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

טֵייל אוֹיס פַאר יֶעדְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ פּוּשְׁקֶע פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל "קֻפַּת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס", און וֶוען דִי פְּרוּיעֶן גֵייעֶן צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט - זָאלְן זֵיי לֵייגְן צְדָקָה פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מוֹסְדוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען וִויל פּוֹעֶל'ן אַ יְשׁוּעָה - וֶועט מֶען לֵייגְן צְדָקָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע פוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מוֹסְדוֹת, און מֶען וֶועט זֶען אַ יְשׁוּעָה.

אַלֶע זֶענֶען זֵייעֶר וַוארֶעם צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ, מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי עֵרֶב רַב, און מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט און רֶעדְן נִישְׁט זֵייעֶר טְרֵיפָה'נֶעם שְׁפְּרַאךְ.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, אַלֶע וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן, אַלֶע ווילְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין תּוֹרַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

...

### אִיךְ מוּז בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דִי מוֹסָד הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אִיז אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ יָא גֵיין ווַייטֶער מִיט דַיין פְּלַאן פוּן מַאכְן אַ שַׁבָּת פַאר אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס ווִילְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, מִיר אִיז נִישְׁט גְרִינְג אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן שְׁטוּב, מִיר אִיז דָאס פְּרֵיילִיכְסְטֶע צוּ זַיין אִין שְׁטוּב מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶער הַהֶכְרֵחַ לֹא יְגֻנֶּה, אִיךְ מוּז בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם, אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מִיט אַסַאךְ גְמָרָא - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ.

...

**טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין גְרוֹיסֶער קִינְד נֶעמְט דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען חַס וְשָׁלוֹם. קֶענְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס זָאל אַוֶועק גֵיין, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם טְשֶׁעפֶּען, בִּפְרַט וֶוען דָאס קִינְד אַלֵיינְס שְׁרֵייט: ״אִיךְ ווִיל דָאס נִישְׁט טוּן, אִיךְ פַארְגֶעס, אִיךְ כַאפּ נִישְׁט״.

זִיכֶער נִישְׁט קַנְסְ׳עֶן, אַוֶועק שִׁיקְן דָאס קִינְד פוּן דִי שַׁבָּת סְעוּדָה; מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דָאס קִינְד אִינְגַאנְצְן. עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן דִי קִינְדֶער זִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל אוּן הֶערְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז מֶען קֶען אַלֶעס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גְרֵייט דִיר אָן אַ מַעֲשֶׂה פוּן צַדִיקִים פַאר דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, דֶערְצֵייל זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי יַנַּאי (יְרוּשַׁלְמִי תְּרוּמוֹת ח, ג), עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁלֶענְג, עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, ווַייל אֶפְשָׁר וֶועט דִי שְׁלַאנְג אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף זַיין בֶּעט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ פַּאטֶענְט, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דִי פִיר פִיס פוּנֶעם בֶּעט אִין פִיר אַמֶערְס וַואסֶער. אֵיין נַאכְט וֶועקְט עֶר זִיךְ אוֹיף מִיט אַ שְׁלַאנְג אִין דִי הֶענְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין פַּאטֶענְטְן, נָאר אֵיין זַאךְ הֶעלְפְט, תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה״.

דֶערְצֵייל זֵיי אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת, וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶער אִידְן.

שְׁרַייבּ מִיר אוֹיבּ דוּ וֶוערְסְט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען אִיךְ זָאג דִיר הַנְהָגוֹת ווִי זִיךְ צוּ פִירְן, אוֹיבּ דוּ וֶוערְסְט בַּאלֵיידִיגְט וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן נָאר תּוֹרָה אוּן עִנְיָנִים.

...

## נֶעגְל וַואסֶער נֶעמְט אַוֶועק דִי קְלִיפּוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס גֶעבְּן אִיבֶּער גָאר שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף אַייךְ, סַיי אַייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, סַיי אַייעֶרֶע גוּטֶע מִידוֹת; אִיר פִירְט זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף אַייךְ.

זַייט שְׁטַארְק אִין זִיךְ אָפְּגִיסְן ׳נֶעגְל וַואסֶער׳ אִינְדֶערְפְרִי; טְרֶעטְס נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אֵיידֶער זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער. אַז מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט - גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן אַלֶע רוּחוֹת רָעוֹת, אוּן מֶען קֶען גְרִינְגֶער זַיין פְרֵיילִיךְ.

וָואס אִיר דַארְפְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעדְט צוּ אִים אִין אַייעֶר שְׂפְּרַאךְ, שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן בֶּעטְס אִים פַאר אַייעֶר הַצְלָחָה, בֶּעטְס פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ אוּן עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת; וַוייל תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה פַאר גוּטֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן.

גֶעבְּט אַ גְרוּס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיר הָאט זֵייעֶר חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן; זֶעלְטְן צוּ טְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן.

...

## אוּנְזֶער שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, מִיר זֶענֶען גֶעזִיצְן מִיט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט צוּזַאמֶען מִיט דִי אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען הַצָּלָה וַואלֶענְטִירְן, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פַאר דְרֵיי שָׁעָה הִלְכוֹת שַׁבָּת; וָואס מֶען מֶעג יָא טוּן אוּן וָואס מֶען מֶעג נִישְׁט טוּן. עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ פַארְגֶענוּגְן צוּ זֶען וִוי דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט מִיטְן דַיָּין שְׁלִיטָ״א זֶענֶען אַזוֹי קְלָאר אִין דִי הֲלָכוֹת אוֹיף לְמַעֲשֶׂה,

און אויךְ די אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען הַצָּלָה וַואלֶענְטִירְן זֶענֶען אויךְ אוֹיסְגֶעקָאכְט אִין די הֲלָכוֹת נִישְׁט צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן אִין חִילּוּל שַׁבָּת.

דֶער כּוֹלֵל אִיז מִיר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל, דֶער דַיָּין - אִיז אויךְ אַ מַתָּנָה פַאר די גַאנְצֶע קְהִילָּה.

אויךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין די יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר די בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אִיךְ בִּין זֵיי מְקַנֵּא; אִיךְ אַלְס בָּחוּר בִּין גֶעקְרָאכְן אוֹיף די גְרָאדֶע וֶוענְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן מִיטְן טָאג, און זֵיי הָאבְּן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); אַלֶע לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַלֶע הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז די וָואךְ שַׁבָּת עֶנְדִיגְן אַלֶע גַאנְץ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית; ווי אִין די וֶועלְט זָאלְן יוּנְגֶע בָּחוּרִים הָאבְּן די הַשָּׂגָה, אַלֶע אָן אוֹיסְנַאם - צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיף די וָואךְ, אַלֶע זָאגְן תְּהִלִּים, וְעוֹד וְעוֹד.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּ הָאבְרֶךְ יְחֶזְקֵאל סַאמֶעט, מִיר זֶענֶען גֶעזִיצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט נָאךְ אִינְגֶעלַייט, הֶענִיךְ, יוֹאֵל הַכֹּהֵן, און שִׁמְעוֹן עוֹזֵר פוּן יְרוּשָׁלַיִם, עֶר אִיז דָא צוּגַאסְט, מִיר זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען די פְּרַייזְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. מִיר וֶועלְן בֶּעטְן אַ בֶּעט אוֹיף די הֶעכְסְטֶע שְׁטָאק זִיבְּן הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אַזוֹי זָאלְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, די וָואס זֶענֶען גְרֵייט צוּ גֵיין פִיר שְׁטָאק - קֶענֶען הָאבְּן פַאר גָאר בִּילִיג, אויךְ הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַז אוֹיבּ מֶען בְּרֶענְגְט אַ קִינְד און מֶען נֶעמְט נִישְׁט קַיין בַּאזוּנְדֶערֶע בֶּעט - קוּמְט צוּ נָאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַארְן קִינְד, און אוֹיבּ מֶען וויל שְׁלָאפְן מִיט צְוֵויי קִינְדֶער אִין אֵיין בֶּעט - אִיז נָאר נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט דָאלֶער, די דְרִיטֶע שְׁטָאק וֶועט זַיין אַ בֶּעט פַאר טוֹיזְנְט, און די עֶרְשְׁטֶע וֶועט זַיין פַאר דְרַייצְן הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

אִיךְ וויל קְלָארְשְׁטֶעלְן די מַטָּרָה פוּן אוּנְזֶער פְּלַאץ אִין אוּמַאן, מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין הָאטֶעל, מִיר שְׁטֶעלְן נִישְׁט צוּ וָואס מֶען שְׁטֶעלְט צוּ אִין הָאטֶעל, מִיר שְׁטֶעלְן צוּ זֵייעֶר פָּשׁוּט, און די קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וֶועט זַיין נָאךְ מֶער פָּשׁוּט. מִיר זוּכְן נִישְׁט צוּ זַיין ווי אַ הָאטֶעל, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן זַיין אִינְאֵיינֶעם, אויךְ די קִינְדֶער

זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, אִיז אַז מֶען וִויל קוּמֶען אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן - זָאל מֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן וָואס מֶען גֶעבְּט אִין הָאטֶעל.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עָבֶד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי פְרֵיילִיכֶע מֶעסֶעדְזְשׁ, אַז לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג הָאט אִיר אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אַייעֶר סְמַארְטְפָאוֹן אוּן טֶעבְּלֶעט.

דָאס אִיז דִי קְלוּגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער. יֶעצְט וֶועט אִיר קֶענֶען מַאכְן דִי בְּרָכָה אִינְדֶערְפְרִי: ״׳בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עָבֶד׳, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין קְנֶעכְט״; מִיט אַ טֶעלֶעפָאן אִיז מֶען אַ קְנֶעכְט, מֶען כַאפְּט זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט אַז מֶען אִיז נִישְׁט זִיךְ, מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיי, מֶען אִיז גֶעבִּינְדְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיטְן טֶעלֶעפָאן.

מַאכְט תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּרִיק צוּ לוֹיפְן צוּ דֶעם.

...

## גֶעבְּן צְדָקָה אֵיידֶער מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

עֶס אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן הֶערְן וָואס עֶר הָאט צוּ זָאגְן, אַמָאל קֶען מֶען מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט פַארְרֶעכְטְן אוּן זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה צוּ גֵיין צוּם דָאקְטֶער; דֶער

רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ג) אַז מֶען מַאכְט אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ - קֶען דֶער דָאקְטֶער אוֹיסְהֵיילְן, ווייל די וֶוערְטֶער "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" בַּאטְרֶעפְט "פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ".

גֶעבְּט גֶעלְט פַאר דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, אוּן גֵייט צוּם דָאקְטֶער, אוּן מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אוֹיסְוַוארְטְן גַאנְצֶע חֲדָשִׁים מִיט אַ גֶעזוּנְט קִינְד.

פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף. וֶוען אִיר וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי מַצָּב וְכוּ' - זָאלְט אִיר אוֹיסְדְרֵייעֶן דִי מַחֲשָׁבוֹת אוּן טְרַאכְטְן 'וָואס הָאבּ אִיךְ יָא?' אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן טָאג אוּן נַאכְט 'וִויפִיל הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן...' נָאר 'וָואס הָאבּ אִיךְ יָא? וִויפִיל הָאבּ אִיךְ יָא?'

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אַ גוּטֶע בְּשׂוּרָה.

...

## מֶען דַארְף זִיךְ בַּאנֵייעֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז גוּט בַּיי דִיר; דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, דַיין פַּרְנָסָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר. אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל אוּן שׁוֹין כַּמָּה חֲדָשִׁים וָואס אִיךְ הֶער גָארְנִישְׁט וָואס דוּ מַאכְסְט, אוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָא וָואס אִיךְ הֶער כָּאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ, זֵיי וִוילְן קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל צוּ זַיין נָאנְט, אָבֶּער עֶס הָאט נִישְׁט מִיט וואוּ מֶען וואוֹינְט...

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, בַּאנֵיי זִיךְ, וֶוער פְרִישׁ מְקוּרָב. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "בְּכָל פַּעַם וּפַעַם שֶׁנּוֹסֵעַ לְהַצַּדִּיק, צָרִיךְ שֶׁיִּרְאֶה שֶׁיָּבוֹא בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", יֶעדֶעס מָאל דַארְף מֶען טְרַאכְטְן דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק, "לֹא כְּמוֹ שֶׁכְּבָר הָיָה אֵצֶל הַצַּדִּיק", נִישְׁט אִיךְ בִּין שׁוֹין דָא אַן אַלְטֶער מְקוּרָב, "וְעַכְשָׁו הוּא בָּא פַּעַם שֵׁנִית", אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען, "רַק

כְּמוֹ שֶׁלֹּא הָיָה מֵעוֹלָם אֵצֶל הַצַּדִּיק", נָאר מֶען זָאל טְרַאכְטְן אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים צַדִּיק, "וְיִהְיֶה אֶצְלוֹ כְּמוֹ שֶׁבָּא עַכְשָׁו מֵחָדָשׁ פַּעַם רִאשׁוֹן", אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעקוּמֶען פוּנְדָאסְנַיי.

בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרע טֶעג; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט הִתְקַשְּׁרוּת וּבִטּוּל צוּם צַדִּיק, דֶער קֶען אַלֶעס בַּייקוּמֶען.

...

## תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר פוּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג גְּמָרָא, דוּ גֵייסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְּמָרָא, דוּ לֶערְנְסְט עֶס אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל, אָן פַארְשְׁטֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

לֵייג צוּ נָאךְ אַ זַאךְ צוּ טוּן יֶעדְן טָאג, זָאג יֶעדְן טָאג דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען, קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ', קה, קלז, קנ; דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, מֶען פַארְרֶעכְט אַלֶעס, אוּן אַז מֶען פַארְרֶעכְט אַלֶעס - וֶוערְן אוֹיטָאמַאטִישׁ יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

...

## דִי וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אוּן אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר,

טוּ אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז דַיין וַוייבּ זָאל זַיין רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן. דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, דוּ אַלֵיינְס זָאגְסְט אַז זִי אִיז טֵייעֶר, נָאר זִי פַּאלְט אַרַיין אִין אַ פַּארְלוּירֶנְקֵייט וְכוּ', דַארְפְסְטוּ טוּן אַלֶעס אִיר צוּ בַּארוּאִיגְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צֶעפַּאלְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וִוי קְלוּג מִיר זֶענֶען נָאר - אִיז דֶער רֶבִּי קְלוּגֶער פוּן אוּנְז אוּן מִיר מוּזְן פָּאלְגְן מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן. אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַ וַוייבּ דַארְף מֶען גֶעבְּן גֶערֶעכְט, (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רב) דִי וַוייבּ אִיז אַלְץ גֶערֶעכְט, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְוַוייזְן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; אִיז אָךְ אוּן וֵויי פַאר אַ מַאן וָואס הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר וַוייזְט אוֹיף פַאר דִי וַוייבּ 'בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט'; דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶועט צֶעפַּאלְן אוּן עֶר וֶועט יֶעדְן קֶענֶען זָאגְן: "אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט"...

ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי וַוייבּ; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

...

## זַיין גְרֵייט פַארְן מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים, אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער עֶרְלִיכֶער מַאן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט, אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ אַייךְ; זָאלְט אִיר אִים נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען.

אַ פְרוֹי וָואס אִיז גְרֵייט פַאר אִיר מַאן אוּן טוּט דִי ווִילְן פוּנֶעם מַאן, זוּכְט נִישְׁט זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן - קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אִיר שְׂכַר, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה קוּמְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען הָאט אַלֶע בְּרָכוֹת.

...

**הַכְנָסַת כַּלָּה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה וָואס דוּ בִּיסְט עוֹסֵק דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע יָאר, דוּ הָאסְט זִיךְ מִתְנַדֵּב גֶעוֶועןצוּ הֶעלְפְן דִי חֲתָנִים פוּן יְשִׁיבָה גֵיין צוּ זֵייעֶר חֲתוּנָה אָן קֵיין אֵיין דָאלֶער חוֹבוֹת; זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג דַיין שִׁידוּךְ, זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן מִיר הֶעלְפְן חֲתוּנָה מַאכְן מַיין זוּן הֶחָתָן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען דִיךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה, אִיךְ בֶּעט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

**קְרִיאַת שְׁמַע אוּן נֶעגְל וַואסֶער פַארְטְרַייבְּן דִי קְלִיפּוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

דָאס וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ דַארְף עֶנְק מַאכְן טְרַאכְטְן ׳וָואס קֶען מֶען מַאכְן עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן נָאכְאַמָאל?׳ זָאלְט אִיר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועלְן נִישְׁט זַיין בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּב רוּחוֹת רָעוֹת אוּן שֵׁדִים.

גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן נָאר נָאכְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן ״נֶעגְל וַואסֶער״, אוּן לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): ״כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ״, וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן - ״מַזִּיקִין בְּדֵלִין מִמֶּנּוּ״, גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים, ״שֶׁנֶּאֱמַר״, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): ״וּבְנֵי רֶשֶׁף״, דִי מַזִּיקִים, ״יַגְבִּיהוּ״, גֵייעֶן אַוֶועק, ״עוּף״, דוּרְךְ תּוֹרָה, דוּרְךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע.

אִיךְ זָאג עֶנְק צוּ, אַז אִיר וֶועט זַיין גֶעוָוארֶענְט אִין דִי צְוֵויי זַאכְן, נֶעגְל וַואסֶער אוּן קְרִיאַת שְׁמַע - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין, אִיר וֶועט נִישְׁט פַארְלִירְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

...

### הָאבּ מֶער רַחְמָנוּת אוֹיף דִי נָאכְגֶעלָאזְטֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט אַ גֶערוּךְ אוּן עֶר אִיז אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט, אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִים, עֶר מַאכְט דִיךְ נֶערְוֶועז.

לְדַעְתִּי דַארְפְסְטוּ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דֶעם קִינְד מֶער וִוי מִיט דִי אַנְדֶערֶע, דַארְפְּסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, ווייל אַ קִינְד וָואס קוּמְט מִיט אַ שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ, צֶעפְּלוֹיגְן וְכוּ׳ - ווייזְט דָאס אַז עֶר הָאט נִישְׁט אַ וַוארֶעמֶע הֵיים, דִי עֶלְטֶערְן זָארְגְן נִישְׁט פַאר אִים.

בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט דֶעם קִינְד, מַאךְ אִים שֵׁיין דִי פֵּיאוֹת, גֶעבּ אִים אַ שְׁמֵייכְל. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַ״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פְּשַׁט אִין ״כְּאִילוּ יְלָדוֹ״, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוֹיף: ״כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה״ (סַנְהֶדְרִין יט:), מֶען זָאגְט דֶעם מְלַמֵּד ׳טְרַאכְט וִוי דַיין תַּלְמִיד אִיז דַיין קִינְד׳; דַיין אֵייגְן קִינְד וָואלְט דִיךְ נִישְׁט נֶערְוֶועז גֶעמַאכְט, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ פוּן דִי תַּלְמִידִים נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז.

לֵייג דִיר אַוֶועק דַיין גֶעלְט, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיט דֶער צַייט קוֹיפְן אַ הוֹיז אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

...

## מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי וָואס טוּעֶן חֶסֶד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ דִי פְּרַאגֶע אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט וְכוּ׳; אַייעֶר מַאן אִיז אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ, אַן עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, דַארְפְט אִיר נִישְׁט זָארְגְן אַז עֶר גֵייט זִיךְ לֶערְנֶען לֶעשְׁן פַייעֶרְס, עֶר וֶועט נִישְׁט זוּכְן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן שְׁטוּבּ, עֶר אִיז אַן עֶרְנְסְטֶער, נִישְׁט קַיין לֵיידִיגְגֵייעֶר, עֶר קֶען הֶעלְפְן רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁנְ׳ס לֶעבְּן, עֶר אִיז גוּט פַאר דִי אַרְבֶּעט; אִיךְ זוּךְ אַזֶעלְכֶע עֶרְנְסְטֶע עֶרְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, צוּ זַיין פוּן דִי פַייעֶר דֶעפַּארְטְמֶענְט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל.

קֶען זַיין אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת קוּקְט מֶען אַרָאפּ דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חֶסֶד, ווִי לְמָשָׁל הַצָּלָה, שׁוֹמְרִים, חֲבֵרִים, מְצִילֵי אֵשׁ, אָבֶּער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיט דִי ׳עֵינֵי ה׳ אֶל צַדִיקִים׳, פוּן צַדִיקְ׳ס קוּק ווִינְקְל - זֶענֶען דִי אִינְגֶעלַייט פוּן דִי הֶעכְסְטֶע. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, דַיְקָא דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חֶסֶד, ווִי הַצָּלָה, חֲבֵרִים, שׁוֹמְרִים וְכוּ׳, - זֶענֶען עוֹסֵק אִין בְּרֶענְגֶען דִי גְּאוּלָה.

...

## זַיין אַ שׁוּתּוּף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה בִּכְלַל?! אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר אַ מַתָּנָה - דַארְפְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, אַז דוּ בִּיסְט גֶעווָאוִיר גֶעוָוארְן אַז דַיין וַוייבּ וַוארְט לְמַזָּל טוֹב אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט עֶנְקֶער הַסְכָּמָה - דַארְפְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה; דָאס וֵוייסְטוּ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא.): ״שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין יֵשׁ בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְאָבִיו וְאִמּוֹ״, קוּמְט אוֹיס אַז דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט אִיז מֶען אִין אַ שׁוּתְּפוּת מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶנְק הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין מִיט אַ שׁוּתְּפוּת מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק בַּעַל כָּרְחֲךָ אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין

אַ שׁוּתְּפוּת - דַארְפְן עֶנְק טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וֵוייסְטוּ אַוַדַאי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשׁוֹת שְׁמוֹת, דַף ג): "תְּלָתָא אִינוּן דְּדַחְיָין שְׁכִינְתָּא מֵעָלְמָא, וְגַרְמִין, דְּדִיוּרֵיהּ דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לָא הֲוֵי בְּעָלְמָא, וּבְנִי נָשָׁא צַוְוחִין וְלָא אִשְׁתְּמַע קַלֵיהוֹן", עֶס אִיז דָא אַ זִינְד וָואס דָאס מַאכְט אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶס הַאלְט צוּרִיק אַלֶע תְּפִילוֹת, אוּן אֲפִילוּ מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען וֵויינְט, מֶען פַאסְט אוּן מֶען מַאכְט אַלֶע סְגוּלוֹת - אִיז דֶער זִינְד אַזוֹי הַארְבּ אַז דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין דִי צָרוֹת; אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען צִיט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי שׁוּתְּפוּת אִינְמִיטְן דִי חֲדָשִׁים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. לֵיידֶער בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, בַּיי דִי לִיבֶּעַראלֶע, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי גֶעמֵיין אַז רַצְחְ'עֶנֶען אוּן הַרְגְ'עֶנֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז בַּיי זֵיי מֻתָּר, אוּן זֵיי זֶענֶען גָאר וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס צוּ זַיין דִי הֶעפְלִיכֶע, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְרַאכְטְן פַאר אֵיין רֶגַע עֶפֶּעס צוּ טוּן.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זֶענֶען כִּבְיָכוֹל שֻׁתָּפִים מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, בַּיי דִי שִׁיעוּרִים זָאגְט מֶען 'מֶען קֶען זַיין קִיל (טְשִׁילְד אַוּט) מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן', אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט מֶען אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט, יֶענְץ טָאר מֶען נִישְׁט; אוֹיבּ שְׁמִירְן דִי נֶעגֶל אִיז נִישְׁט גוּט, אַ לַאנְגֶע צֶעלָאזְטֶע שֵׁייטְל אִיז נִישְׁט גוּט אוּן אַ סְמַארְטְפָאוּן אִיז נִישְׁט גוּט - אִיז וִוי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען קֶען זַיין קִיל (טְשִׁילְד אַוּט) מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, בֵּיידֶע זֶענֶען רִיכְטִיג, בֵּיידֶע לִימוּדִים זֶענֶען לִימוּדִים פוּנֶעם צַדִיק; פוּן אֵיין זַייט לֶערְנְט אוּנְז דֶער צַדִיק מֶען זָאל זַיין אֵיידְל, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, דֶער צַדִיק בֶּעט זִיךְ, וַוייל נָאר אִיר וֶועט פוּן דֶעם פַּארְדִינֶען, דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה.): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוּי. 'וְאִתְּתָא דַאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְּרוּי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּבּ. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ, 'מַאן גָּרִים דָא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְּרוּי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִדָה טוֹבָה מְרוּבָּה, בִּזְכוּת זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וֶועט דִי פְּרוּי הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער; דֶער צַדִיק וֵויינְט, 'טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, מֶען קֶען זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַלֶע צָרוֹת, מֶען קֶען בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ', אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אַז אִיר זֶענְט נָאךְ וַוייט פוּן דִי זַאכְן, אַייעֶר מֹחַ דַארְף נָאךְ דִי זַאכְן, אַייעֶר מֹחַ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, זִיךְ נִישְׁט שְׁמִירְן וְכוּ' וְכוּ', זָאלְט אִיר אָבֶער לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זָאלְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אִיר זָאלְט וֶועלְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ זַיין אֵיידְל. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָאג אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי וֶועלְט, דִי וֶועלְט זָאגְט 'אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, דוּ עֶסְט חֲזִיר רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאל עֶס שׁוֹין רִינֶען אוֹיפְן בָּארְד', אִיךְ זָאג אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ זָאג 'אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן - זָאל עֶס כָּאטְשִׁיג נִישְׁט רִינֶען אוֹיפְן בָּארְד'"; שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווארִיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע זַאךְ בֶּעט עֶר פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ טְרַאכְט עֶר ׳וָואס אִיז דִי ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?׳ מֶען מֶעג פַארְבְּרֶענְגֶען, עֶסְן, שְׁמוּעֶסְן, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ רֶעדְן אֵיידְל, אוּן מֶען עֶסְט נָאר מִיט אַ הֶכְשֵׁר, אוּן מֶען הַאלְט דִי שְׁטוּב רֵיין, אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; פוּן אֵיין זַייט אִיז מֶען קִיל - אָבֶּער מִיט דִי תּוֹרָה.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זַאךְ, דָאס מֶערְסְטֶע אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעטְס אִים דִי תְּפִלָּה: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיף דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר גְלֵייבְּן אַז דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר, הַכֹּל לַכֹּל אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, גֶעבּ מִיר מֹחַ, גֶעבּ מִיר אֱמֶתְ׳עֶ שִׂמְחָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין מַאן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדֶע פִּינְטְל פוּן אִידִישְׁקֵייט, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן״.

...

## זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

מַאךְ שֵׁיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת, דָאס אִיז אַלֶעס מְתַקֵּן.

מוֹהֲרַא״שׁ בְּרֶענְגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, סִימָן ג): ״עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת״, אַ פַארְגֶענוּגְן שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי טוֹיזְנְט טֶעג פוּן פַאסְטְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק וִוי אַייזְן, פֶעלְזְן פֶעסְט, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דֶעם, צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן צַייט אִיר אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר.

טַייעֶרער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר בְּלַייבּ פְרִישׁ, בַּאנֵיי זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי"ן; מֶען דַארְף טוּן דִי עֵצוֹת אוּן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, מֶען זָאל נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן נָאר בְּלַייבְּן וַואךְ.

שְׁרַייבּ מִיר פוּן דַיין חַיִּים טוֹבִים.

...

**שְׁרֵיי, טַאטֶע אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאף דוּ נוּצְט אוֹיס דִי שְׁטֶעטְל, דִי וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער - פַאר הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיין וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט; אֲפִילוּ נָאר שְׁרֵייעֶן דִי וָוארְט: "טַאטֶע הֶעלְף מִיר", "טַאטֶע אִיךְ בִּין אַלֵיין", "טַאטֶע אִיךְ דַארְף אַ נֵס".

מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶר הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה וֶוערְט לוֹיטֶער אוּן רֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וַוייזְן פַאר דַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּם אִין שׁוּל פַארְטָאגְס לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ וְכוּ'.

...

**דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי אִיז דַאוְוענֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיטְן גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג פַאר דִי

דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט טוּן אֵיידֶער דוּ גֵייסְט דַאוֶוענֶען, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט, גֵיי עֶרְשְׁט אִין שׁוּל, עֶפְן נִישְׁט דִי בַּאנְק וְכוּ', דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַאוֶוענֶען. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:): "תְּפִלָּתִי שֶׁתְּהֵא סָמוּךְ לְמִטָּתִי", מֶען זָאל גָארְנִישְׁט טוּן נָאכְן אוֹיפְשְׁטֵיין, נָאר גְלַייךְ גֵיין דַאוֶוענֶען.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים, שְׁרַייבּ מִיר אַז דוּ דַאוֶוענְסְט, שְׁרַייבּ מִיר פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ וֶועסְט מִיךְ מְחַיֶּה זַיין.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פּאור קינדלר

## אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ

אוֹי וֵויי עֶס אִיז אַ בֶּער... אוֹי וֵויי וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ אַ נֵס, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ..."

טַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן וֶוען מִיר גֵייעֶן שְׁפַּאצִירְן אִין וַואלְד, מִיר זֶעעֶן אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ אוּן מִיר מֵיינֶען דָאס אִיז אַ שְׁוַוארְצֶע זֶעקְל, אוּן פְּלוּצְלוּנְג גֶעבְּט זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע בֶּער אַ צִי אוֹיס, וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן?

הֶערְט אַן אֱמֶתְ'עֶ גֶעשִׁיכְטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מֵיידְל. זִי אִיז גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ בֵּית פֵיגָא, זִי שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, זִי גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אוּן זִי טוּט זִיךְ אָן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵייט זִי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זִי זֶעט אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ, זִי טְרַאכְט 'דָאס אִיז מִן הַסְתָּם אַ שְׁוַוארְצֶע מִיסְט זֶעקְל', זִי שְׁפַּאצִירְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, זִי שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער,



"בַּאשֶׁעפֶּער הִיט מִיךְ"

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה, אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ״, זִי בֶּעט אוֹיף אֱמוּנָה: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אֱמוּנָה, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִיךְ זָאל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן״.

פְּלוּצְלוּנְג... אַ בֶּער... עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוַוארְצֶע זֶעקְל, עֶס אִיז אַ שְׁוַוארְצֶע בֶּער... דִי בֶּער הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אִין דִי לוּפְט... דִי מֵיידְל שְׁטֵייט צְוֵויי פִּיס אָפְּגֶערוּקְט פוּן דִי בֶּער, זִי פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, זִי גֶעדֶענְקְט אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, זִי גֶעדֶענְקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט.

זִי לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק, מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן אַ בַּעַל חַי, וַוייל דָאס מַאכְט דִי בַּעַל חַי זָאל זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לוֹיפְן. זִי גֶעדֶענְקְט פוּן רֶבִּי'ן, זִי גֶעדֶענְקְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זִי הוֹיבְּט אָן בֶּעטְן הוֹיךְ: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּנֶעם בֶּער״, זִי הוֹיבְּט אָן צוּרִיק גֵיין שְׁטֵייטְלֶעךְ אוּן זִי בֶּעט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס בִּיסְטוּ״; דִי בֶּער הֶערְט וִוי זִי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי בֶּער הָאט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אִיר, עֶר רִירְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר לָאזְט אִיר צוּרִיק גֵיין.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, דִי אֱמוּנָה וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

איוף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה



הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
**יואל רוטה**
שליט"א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש **718•387•2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק
צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com